# דער אַלגעמיינער זשורנאַל

$1.00

PERIODICALS POSTAGE PAID AT NEW YORK, N.Y. Post Office Box 250746, Brooklyn, N.Y. 11225 ▪ Tel. (718) 771-0400 ▪ Fax: (718) 771-0308 ▪ E-mail address: algemeiner@aol.com © COPYRIGHT ALGEMEINER JOURNAL PUBLISHED WEEKLY המחיר חמש ש"ח

Vol. XXXVIII No. 1956 FRIDAY, MARCH 26, 2010 ב"ה, יום ו', י"א ניסן תש"ע מאַרץ 26, 2010 18 PAGES PRICE ONE DOLLAR


פרעמיער נתניהו דערקלערט פאַר "עיפּאַק"-קאָנפערענץ:

# ירושלים איז נישט סתם נאָך אַ 'התנחלות', נאָר די אייביקע הויפּטשטאָט פון אידישן פאָלק



פרעמיער נתניהו אין "עיפּאַק" קאָנפערענץ

• פון שלמה שמיר

פּרעמיער בנימין נתניהו האָט דעם מאָנטיק פייערלעך דערקלערט פאַר אַ געפּאַקטן זאַל פון טויזנטער דעלעגאַטן אויף דער קאָנפערענץ פון דער פּראָ-ישראל „לאַבי"-אָרגאַניזאַציע אין וואַשינגטאָן, „עיפּאַק", אַז „ירושלים איז נישט נאָך אַ 'התנחלות', נאָר אונדזער אייביקע הויפּטשטאָט".

„מען קען נישט פאַרלייקענען די ספּעציעלע פאַרבינדונג צווישן דעם אידישן פאָלק און ארץ-ישראל, גענוי ווי מ'קען נישט לייקענען די נאָענטע פאַרבינדונגען צווישן דעם אידישן פאָלק און ירושלים", האָט נתניהו ווייטער געזאָגט. „אידן האָבן געבויט ירושלים מיט דריי טויזנט יאָר צוריק, און זיי בויען עס ווייטער היינט".

דינסטיק אָוונט איז פּרעמיער נתניהו אויפגענומען געוואָרן דורך פּרעזידענט באַראַק אָבאַמאַ אין ווייסן הויז, און ראַטגעבער פונעם ישראל-פּרעמיער האָבן געזאָגט פאַר דער באַגעגעניש, אַז דער ראש הממשלה פון דער אידישער מדינה וועט די זעלבע מיינונג קלאָר מאַכן פאַרן פּרעזידענט פון אַמעריקע.

די באַגעגעניש פון פּרעזידענט אָבאַמאַ מיט פּרעמיער נתניהו איז באַצייכנט געוואָרן אַלס „פּריוואַטע" דורך וואָרטזאָגער פון ווייסן הויז, און דערפאַר זיינען ביי דער באַגעגעניש נישט געווען אָנוועזנד קיין פאָטאָגראַפיסטן, ווי געוויינלעך ביי אָפיציעלע טרעפונגען. אויך איז נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ געמיינזאַמער קאָמוניקאַט נאָך דער באַגעגעניש. אויך פאַר אַ יאָר איז די באַגעגעניש פון פּרעמיער נתניהו מיט פּרעזידענט אָבאַמאַ באַצייכנט געוואָרן אַלס „פּריוואַט".

אויף זיין אויפטריט פאַר דער „עיפּאַק" קאָנפערענץ, איז פּרעמיער נתניהו אויפגענומען געוואָרן פון די טויזנטער פאַרזאַמלטע עסקנים און „עיפּאַק"-שטיצער מיט לאַנגע הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן. די קאָנפערענץ, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט העכער זיבן טויזנט דעלעגאַטן, איז געווען די גרעסטע „עיפּאַק"-פאַרזאַמלונג אין די לעצטע יאָרן. אַלס איינגעלאַדענע געסט זיינען אויך אָנוועזנד געווען צענדליקער פּראָ-ישראל'דיקע אַמעריקאַנער סענאַטאָרן און קאָנגרעסלייט.

איין טאָג פאַר דעם אויפטריט פון „ביבי" נתניהו, האָט פאַר דער „עיפּאַק"-קאָנפערענץ אויפגעטראָטן סעקרעטערי אָוו סטעיט הילאַרי קלינטאָן, וועלכע האָט אויסגעדריקט די מיינונג פון דער אַמעריקאַנער אָבאַמאַ-אַדמיניסטראַציע, אַז „דאָס בויען אין מזרח-ירושלים איז אַ שטרויכלונג אויפן וועג צו מאַכן פאַרשריט פאַרן שלום-פּראָצעס צווישן ישראל און די פּאַלעסטינער אַראַבער".

קלינטאָן איז אַפּלאָדירט געוואָרן ווען זי האָט דערקלערט אַז „די פריינטשאַפט צווישן ישראל און אַמעריקע איז פעלזן-פעסט און שטאַרק". אַ טייל פון אירע דערקלערונגען זיינען אָבער נישט געווען צום האַרצן פאַר די פאַרזאַמלטע אויף

פאָרזעצונג אויף זייט דריי

# די פירערשאַפט אין אַ פּאַניק; דאָס פאָלק – מער זעלבסט-באַהערשט

פון שלמה שמיר

ווען די דאָזיקע שורות ווערן אַריינגעשיקט אין דער רעדאַקציע פון „אַלגעמיינעם זשורנאַל", זונטיק מיטאָג, איז נאָך אַלץ נישט קלאָר צי פּרעזידענט באַראַק אָבאַמאַ וועט זיך באַגעגענען מיט פּרעמיער בנימין נתניהו. לכתחילה האָט דער פּרעזידענט פון אַמעריקע היינטיקע וואָך זיך געדאַרפט געפינען אויף אַ באַזוך אין צוויי לענדער אין אַזיע. נתניהו האָט לכתחילה פּלאַנירט צו קומען קיין וואַשינגטאָן אויפצוטרעטן פאַר דער יערלעכער קאָנפערענץ פון „עיפּאַק", די באַקאַנטע אידישע שתדלנות-אָרגאַניזאַציע, וואָס מ'רופט דאָ „לאַבי". די קאָנפערענץ פון דער „אַמעריקען איזראַעל פּאָבליק אַפעירס קאָמיטע" איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן היינטיקע וואָך אין דער אַמעריקאַנער הויפּטשטאָט.

אינצווישן האָט אָבאַמאַ אָפּגעשטופּט זיין רייזע קיין אַזיע, און איז פאַרבליבן אין וואַשינגטאָן בעת פּרעמיער „ביבי" נתניהו געפינט זיך אין שטאָט, און ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ געלעגנהייט צו אָרגאַניזירן אַ באַגעגעניש צווישן אָבאַמאַ און נתניהו אין ווייסן הויז.

ס'איז נישט קיין סוד, אַז פּרעמיער נתניהו איז נישט סתם להוט צו באַזוכן פּרעזידענט אָבאַמאַ אין ווייסן הויז, נאָר ער חלש'ט פשוט צו האָבן איצט אַ געשפּרעך מיטן פּרעזידענט, און צו פאָטאָגראַפירן זיך מיט אָבאַמאַ'ן. נאָך כמעט דריי וואָכן פון אַ ביטערן סכסוך און אַ בייזע פּאָליטישע קאָנפראָנטאַציע צווישן דעם ווייסן הויז און דער רעגירונג פון ישראל, האָט אַ באַגעגעניש איצט צווישן אָבאַמאַ און נתניהו די אויסזיכטן צו ווערן אַן איבערבעטונגס „שפּיצן"-קאָנפערענץ צווישןביידע פירער, וואָס זאָל באַגראָבן אָדער כאָטש „אויסלופטערן" דעם שאַרפסטן שטרייט (וואָס אַ סך עקספּערטן באַצייכענען אַפילו אַלס פּרעצעדענטלאָזע קריגעריי) צווישן וואַשינגטאָן און ירושלים.

די זאַך איז אָבער, וואָס אַפילו אויב ביידע פירער האָבן זיך צום סוף באַגעגנט אין ווייסן הויז, איז נישט פאַראַן קיין סיבה פאַרוואָס איבריק נתפּעל צו ווערן פון אַזאַ באַגעגעניש, און קיין שום אורזאַך פאַרוואָס זיך אַפילו צו שפּירן גוט אַז דער ישראל-פּרעמיער איז אויפגענומען געוואָרן אין ווייסן הויז. פאָטאָגראַפיעס פון אָבאַמאַ און נתניהו ווי זיי שטייען קאָלעגיאַל און שמייכלען צוזאַמען, האָבן אַבסאָלוט נישט קיין שום באַדייט.

ס'אַז נישט שייך צו זאָגן, אַז די פירער פון צוויי אַלטע פאַרבינדעטע לענדער זאָגן נישט דעם אמת, אָבער אויך די געוויינלעכע רוטינע בשותפות'דיקע דערקלערונג מיט וועלכער אַזאַ אָפיציעלע באַגעגעניש שליסט זיך, איז נישט מער ווי דאָס וואָס מ'באַצייכנט אויף העברעאיש „גיבוב דברים", דאָס הייסט, סתם אַ צונויפזאַמלונג פון שיינע רייד, וואָס זיינען פּראַקטיש גערעדט, „סתם אין דער וועלט אַריין". מ'דאַרף נישט זיין קיין גרויסער עקספּערט אָפּצושאַצן אין פאָראויס, אַז ס'איז נישט פאַראַן קיין שום שאַנס פאַר פּראַקטישע אויספירן פון אַן איצטיקער באַגעגעניש צווישן אָבאַמאַ און נתניהו – אויב אַזאַ באַגעגעניש איז צום סוף טאַקע פאָרגעקומען.

ס'איז פשוט נישט רעאַליסטיש צו דערוואַרטן אַ נוצלעכן רעזולטאַט פון אַזאַ באַגעגעניש, ווייל צוליב דעם צוזאַמענשטעל פון דער איצטיקער רעגירונג אין ישראל, קען „ביבי" נתניהו גאָרנישט טאָן כדי צו פּראָגרעסירן, אָדער אַפילו בלויז רוקן זיך עטוואָס פון אָרט אויף געביטן וואו אַ סך מענטשן אין ישראל, און באַזונדערס די אַמעריקאַנער אַדמיניסטראַציע, וואָלטן געוואָלט זען פאָרשריט. מיט אַזאַ גרופּע נישטיקע און ווערטלאָזע „מיניסטאָרן", מ'שטיינס געזאָגט, קען נתניהו באַצייכנט ווערן אַלס „ראש לשועלים", און איז פּאָליטיש, ווי מ'זאָגט, „געבונדן אין קייטן", און קען גאָרנישט טאָן אויסצופירן אויף אַ באַדייטונגספולן אופן אויפן געביט פון באַציאונגען מיט די פּאַלעסטינער אַראַבער. דעריבער איז אַ באַגעגעניש צווישן אָבאַמאַ און נתניהו פשוט פּרוכטלאָז.

דאָס מערסטע וואָס נתניהו קען דערגרייכן פון אַ געשפּרעך מיט פּרעזידענט אָבאַמאַ איז, צו אַנטשולדיקן זיך פאַרן „ביידען-אינצידענט", וואָס האָט לכתחילה געשאַפן דעם איצטיקן קריזיס, און איבערצובעטן דעם פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן פאַר דער באַליידיקונג. דאָס הייסט, עס וועט

פאָרזעצונג אויף זייט פיר




## שבת צו

### לוח פאַר דער וואָך:

**שיעורים** (פּרייטיק):

**תהלים יומי:** פרק קיט פסוקים ס-סה

**חומש יומי:** צו שישי. עם פרוש רש"י

**תניא יומי:** והיינו אפילו אם... -106- לקמן.

**רמב"ם יומי:**

**ג' פרקים:** הלכות נחלות פרקים ג-ה

**פרק א':** הלכות שחיטה פרק יב

**ספר המצוות:** מ"ע רמ"ח

**דף היומי:**

**דף היומי ירושלמי:** פאה ה.

**דף היומי בבלי:** סנהדרין מב.

פתגם פון דער וואָך:

דער חג הפסח דערמאָנט אידן נישט צו פאַרגעסן וועגן דער גאולה

## אַן איגרתל פון ווילנע

# צוויי מאַרשן אין אַ נאַציש גייסט: אין צענטער פון ווילנע, און אין צענטער פון ריגע



טייל פונעם נעאָ=נאַצישן מאַרש אין צענטער פון ווילנע אינעם אומאָפּהענגיקייטס=טאָג פון ליטע, דעם 11טן מערץ.



דער מאַרש אין ריגע האָט זיך געענדיקט ביים "פרייהייטס=דענקמאָל" אין צענטער שטאָט.

### ביידע זיינען לעגאַל סאַנקציאָנירט געוואָרן דורך דער לאָקאַלער מאַכט; ביידע ווערן איגנאָרירט דורך דער מערבדיקער וועלט

## מ'טאָר עס ניט פאַרשווייגן

• פון הירשע=דוד כ"ץ (ווילנע)

אַיין וואָך נאָך דער אַנדערער, זיינען אַדורכגעפירט געוואָרן מיט דער פולער הסכמה פון דער לאָקאַלער מאַכט נעאָ=נאַצישע מאַרשן אין צענטער שטאָט: דעם 11טן מערץ אין ווילנע (איצט: ווילניוס), הויפּט=שטאָט פון ליטע, און דעם 16טן מערץ אין ריגע, הויפּט=שטאָט פון לאַטוויע (לעטלאַנד).

ביידע לענדער, סיי ליטע און סיי לאַטוויע, געהערן דעם אייראָפּעאישן פאַראיין און דער בשותפותדיקער פאַרטיידיקונגס=אָרגאַניזאַציע פון די מערבדיקע דעמאָקראַטישע לענדער, „נאַטאָ", אַזוי אַרום אַז ס'שווימט תיכף אַרויף די פראַגע: ווי אַזוי קען דאָס זיין, ווי אַזוי קענען רעגירונגען פון לענדער, וואָס עס גייט זיי אין לעבן צו זיין אַ טייל „פונעם מערב" זיך אויפפירן מיט אַזאַ סימפּאַטיע צו פאַשיסטישע טענדענצן פון עקסטרעם נאַציאָנאַליסטישע און אַנטיסעמיטישע קרייזן.

דער ערשטער ענטפער איז, אַז ס'איז טאַקע זייער ניט גוט, ממש שלעכט, וואָס אַמעריקע און די מערסטע אַנדערע לענדער מאַכן דאָ אַ „פּתח שין סאַ", עלעהיי מען טאָר שוין ניט קריטיקירן גאָרנישט אין די לענדער פון מזרח אייראָפּע וואָס זיינען געווען אין דער סאָוועטישער ספערע און געהערן איצט דעם אייראָפּעאישן פאַראיין און נאַטאָ.

דער צווייטער ענטפער איז, אַז די עקסטרעם=נאַציאָנאַליסטישע קרייזן און די מלוכהשע אינסטאַנצן וואָס שטיצן זיי אונטער האָבן „זיך אויסגעלערנט" ווי אַזוי צו „זיין קלוג" און אַריינפירן קונצן מיט דריידלעך, עס זאָל הייסן כלומרשט אַז דאָס זיינען ניט קיין נעאָ=נאַציס נאָר גלאַט „פּאַטריאָטן" פון זייער לאַנד.

און פאַראַן אויך אַ דריטער פאַקטאָר: ביידע לענדער געהערן דער גרופּע וואָס פּרובירט איבערצייגן דעם אייראָפּעאישן פּאַרלאַמענט אָנצונעמען אַ „רעווידירטע געשיכטע" אין וועלכער דער חורבן (האָלאָקאָסט) פאַלט גלאַט אַרויס ווי אַ יש, און עס גייט אַריין אַ נייע געשיכטע פון „צוויי גלייכע גענאָצידן, פון היטלער און פון סטאַלין", וואָס אין דיאָ לענדער, וואו אַ סך אַנטיסעמיטן האַלטן עד היום אַז „אַלע אידן זיינען קאָמוניסטן, וואָס האָבן באַקומען וואָס זיי האָט געקומט..."

### אין ווילנע דעם 11טן מערץ

דער עלפטער מערץ איז האַיאָר אַ גרויסער יום=טוב געווען אין ליטע: דאָס איז דער טאָג ווען ליטע האָט דערקלערט איר אומאָפּהענגיקייט פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד אין 1990, און האַיאָר איז אַ גלייכער חשבון פון צוואַנציק יאָר פון זינט יענעם היסטאָרישן טאָג. די אַלע בירגער פון ליטע פרייען זיך מיטן טאָג, אַריינגערעכנט אידן, וואָס האָבן געקענט בויען אַ אידישע קהילה און אַ אידישן לעבן, אויף וויפל עס לאָזט זיך, אַדאַנק דעם וואָס מען איז פּטור געוואָרן פונעם טאָטאַליטאַרישן סאָוועטיש=קאָמוניסטישן רעזשים.

פאָרזעצונג אויף זייט דריי

א כשרן און א פריילעכן פסח

